**גוט שבת אלע אידן.** "אמר ר' יוחנן: טוב המלבין שינים לחבירו יותר ממשקהו חלב..." (כתובות קיא:) אזוי ווי עס שטייט אין דער היינטיגער פרשה: "...ולבן שנים מחלב."(בראשית מט,יב) עס איז מער וויכטיג צו שמייכלן צו א איד ווי אים צו געבן מילך. די חז"ל האבן נישט געמיינט דווקא מילך, נאר, זיי האבן געמיינט צו זאגן אזוי: כמעט יעדער נארמאלע מענטש האט הנאה ווען א חבר געבט פאר אים א גשמיות'דיגע זאך. נאר וואס? זאגן חז"ל אז אויפנעמען א איד מיט א שמייכל און א ווארעמע אויפנאמע איז אסאך אסאך מער חשוב ביי יענעם ווי א גשמיות'דיגע כיבוד.

דער הייליגער תנא שמאי האט געזאגט: "והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות."(אבות א,טו) דער מהר"ל איז מסביר אז "בא שמאי לומר שאם לא יקבל אותו בסבר פנים יפות אז נראה שאין חבירו נהנה ממנו, והוא צער אל האדם כאשר אין חבירו נהנה ממנו, ולפיכך אמר שיקבל אותו בסבר פנים יפות כי דבר זה הוא כבוד לאדם ביותר." (דרך חיים עמוד קלז - פרק שלישי) בקיצור, ווען מען שמייכעלט צו א איד ווייזט מען אז מ'איז בשמחה צו זען יענעם. און דאס מאכט יענעם שפירן א חשיבות. די פאלגענדע מעשה ווייזט דעם כח פון א שמייכל און א ווארעמע אויפנאמע.

אין די תש"כ יארן האט נעבעך געבלאזן א שטארקע רוח פון טומאה ארום דער וועלט. די רוח הטומאה איז געווען אזוי ווי די השכלה פון בערך 150 יאר צוריק. ביי דער השכלה זענען ליידער אסאך אידן געכאפט געווארן דורך די רוח הטומאה וואס האט אזוי שטארק געבלאזן. אזוי איז אויך געווען אין די תש"כ יארן. איינער פון די אומגליקליכען אידן וואס איז געכאפט געווארן איז געווען א וואוילער ישיבה בחור מיט'ן נאמען משה קליינמאן (נישט זיין עכטע נאמען).

משה האט געלערנט אין די בעסטע ישיבות אין יוראפ אבער נעבעך ער האט אונגעהויבן צו ליינען פרעמדע ביכער און הערן פרעמדע מוזיק וכו'. די רוח הטומאה אין די תש"כ יארן האט אים אוועקגעבלאזן פון ישיבה. באלד נאך זיין ארויסגיין פון ישיבה, האט ער אויסגעטון זיין קאפל. צוביסלעך האט ער אינגאנצן אוועקגעגליטשט פון דעם דרך ה', און ער איז געווארן א פרייער איד, רח"ל. משה האט ארומגעוואנדערט אין יוראפ זוכענדיג גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע סיפוק. א שטיק צייט שפעטער איז משה אנגעקומען קיין אמעריקע. משה האט גענוצט זיינע לעצטע פרוטות צו קויפען דעם טיקעט קיין אמעריקע. וועגן דעם איז ער אנגעקומען קיין ניו יארק מיט ממש גארנישט אין טאש.

ער האט געזוכט פרנסה ערגעץ אבער קיינער האט אים נישט געוואלט נעמעם. ער איז געווען אינגאנצן צובראכן און ער האט נישט געהאט וואס צו עסן. ער איז געווען אין אזא נידריגע מצב, אז ער האט גענומען זיכן עסן אויפ'ן גאסן.

איין טאג האט משה געזען א צעטל פון א ישיבה "שאר ישוב" אז די ישיבה האט געזוכט אן ארבעטער צו אויפרייניגן דער ישיבה. פאר משה איז די מחשבה פון צוריקגיין אין א ישיבה געווען גאר שווער. ווייל משה האט אינגאנצן אפגעלאזט אידישקייט שוין עטליכע יאר פריער. אבער, ער האט גארנישט געהאט צו עסן און ער האט נישט געהאט קיין ברירה, ווייל ער האט נישט געהאט קיין פרוטה. וועגן דעם האט ער געמאלדן צו דעם באקאנטען אוהב ישראל און תלמיד חכם הרה"ג רב שלמה פרייפעלד ז"ל.

רב פרייפעלד האט באגריסט משה מיט א ווארמען האנט-שאקל און א גרויסע שמייכל. די ווארעמע אויפנאמע האט גלייך געמאכט א שטארקען רושם אויף משה. דעמאלס האט משה אויסגעקוקט מער ווי א גוי ווי א איד. ער האט געהאט לאנגע האר און זיינע בגדים זענען געווען שמוציג, ווייל ער האט ליידער געשלאפן אויפ'ן גאס צוליב זיין אראמקייט. כאטש משה האט אויסגעקוקט אזוי און ער האט אפילו געניצט א גוי'עשע נאמען, האט רב פרייפעלד אים אויפגענומעם מיט א ווארעמע אויפנאמע.

רב פרייפעלד האט גלייך געשפירט אז משה איז נישט געווען קיין פראסטער גוי. רב פרייפעלד האט געשפירט אז משה איז געווען אנדערש. רב פרייפעלד האט אנגעהויבן צו פרעגן משה וועגן זיינע משפחה און וואו ער האט געלערנט וכו'. רב פרייפעלד איז געוואר געווארן אז משה איז אמאל געווען א פרומער איד.

רב פרייפעלד האט געטראכט אז משה פאסט נישט פארן פאסטן פון א אויפרייניגער. אבער, משה האט גע'טענה'עט אז ער וויל דעם פאסטען ווייל ער דארף די פרנסה. רב פרייפעלד האט געטון א מורא'דיגע זאך. ער האט פארגעשטעלט פאר משה א פאסטען אלץ מגיד שיעור! משה איז געווארן איבערראשט! מגיד שיעור?!! משה האט דעמאלס נישט געהאלטען נישט קיין שבת און נישט קיין כשרות, ווי קען א פרייער איד ווערן א מגיד שיעור אין א ישיבה? "איר מאכט א ווערטל?" האט משה אנגעהויבן צו זאגן. "איך האב לאנגע האר, איך בין א אפגעפארענע בחור, איך האב אזוי לאנג נישט געלערנט!"

רב פרייפעלד האט נישט געוואלט מקבל זיין א "ניין". אפילו משה איז טאקע געווען אינגאנצן פריי, רב פרייפעלד האט דערזען דעם ניצוץ אלוקות אין משה. רב פרייפעלד האט געטראכט אז משה האט געלערנט אין די בעסטע ישיבות, לכאורה האט ער געדענקט עפעס. נישט נאר דאס, אבער רוב בחורים וועלכע האבן געלערנט אין שאר ישוב דעמאלס זענען געווען בעלי תשובה. וועגן דעם, האט רב פרייפעלד נישט חושש געווען אז די בחורים זאלן אראפקוקן אויף משה צוליב זיין לבוש און לאנגע האר, וכו'.

אפילו משה האט נישט געוואלט מסכים זיין צו נעמען דעם פאסטן אלץ מגיד שיעור, האט ער נישט געקענט זאגן "ניין" ווייל רב פרייפעלד האט אים אזוי ווארם אויפגענומען. נישט נאר דאס, אבער משה איז געווען הונגעריג. וועגן דעם האט ער סוף כל סוף מסכים געווען צו נעמען דעם פאסטן אלץ מגיד שיעור אין ישיבת שאר ישוב.

רב פרייפעלד האט אים געזאגט אז ער זאל פארשאפן א בבא מציעא גמרא און צוגרייטן א שיעור אין די סוגיה פון "תקפו כהן"! רב פרייפעלד האט געהייסן אז משה זאל צוריק-קומען א פאר טעג שפעטער צו אנהייבן געבן דעם שיעור. ביז דערוויל, האט רב פרייפעלד געלאזט משה קומען עסן אין ישיבה. משה איז אוועקגעגאנגען פון רב פרייפעלד אן אנדערע מענטש. ווייל משה האט קיינמאל נישט באגעגענט אזא ווארעמע מענטש.

באלד דערנאך האט משה פארשאפט א גמרא און ער האט אנגעהויבן צו לערנען נאכאמאל. ביים אנהייב איז ער נישט געווען צופרידן צו לערנען, אבער, רב פרייפעלד האט אים שטארק מקרב געווען און ער האט געדארפט דעם פרנסה!

משה האט געטראכט אז עס וועט זיין אביסל מאדנע צו איבערגעבן א גמרא שיעור אן א קאפל. וועגן דעם האט ער פארשאפט א קאפל. פאר ער איז אריינגעגאנגען אין ישיבה אין דעם ערשטען טאג פון זיין געבען דעם שיעור, האט משה אנגעטון דעם קאפל. דאס ערשטע טאג פונעם שיעור איז געגאנגען גוט. דריי בחורים האבן געפרעגט שאלות, און משה האט געקענט ענטפערן. משה האט געשפירט אז ער האט טאקע פארשטאנען דאס לערנען. יעדען טאג האט משה געקענט בעסער לערנען. דאס לערנען איז צוריקגעקומען צו אים.

א פאר וואכן שפעטער איז משה אריין געגאנגען צו דעם רב פרייפעלד. משה האט געזאגט פאר'ן ראש ישיבה אז איין זאך האט אים געשטערט: משה האט געשפירט אז עס פאסט נישט פאר א מגיד שיעור צו גיין נישט אנגעטון מיט א טלית קטן. "נו, גיי קויף ציצית!" איז געווען דער ראש ישיבהס ענטפער. באלד דערנאך איז משה געגאנגען קויפן ציצית. שפעטער האט משה זיך געשעמט מיט זיין לאנגע האר און ער האט זיך געשוירן געהעריג. און אזוי איז עס געווען, צוביסלעך איז משה געווארן ערליך! ווען מיר ליינען די ווערטער, וואוינט ר' משה מיט זיינע ערליכע קינדער און אייניקלעך אין ארץ ישראל. (געהערט פון רב אפרים וואקסמאן שליט"א) אלעס איז געווען ווייל רב פרייפעלד ז"ל האט געוויזן א שטארקע ליבשאפט פאר משה!

דער יערות דבש ברענגט אז אלע מצוות בין אדם לחבירו זענען תלוי אויף אהבת ישראל. יעדער איד זאל זיין א ברודער אין אונזערע אויגן, ווייל מיר זענען אלע קינדער פון אברהם אבינו. כלל ישראל איז איין גוף מיט איין נשמה. (יערות דבש, דרוש ה, דף קטו, מהדורת "אבן ישראל") מיר זאלן שטענדיג געדענקען צו ווייזן ליבשאפט פאר אנדערע אידן דורך א ווארעמע אויפנאמע און א שמייכל. **גוט שבת אלע אידן.**